בעזהשי"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק ט'

# הקאמפיוטער שמודד את היהדות של כל יהודי בחמש דקות

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת שיצאו לאור עולם בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו

שנת תשמ"ח לפ"ק

# דער קאמפיוטער, וואס מעסט אידישקייט אין 5 מינוט!

### איר קענט איצט מאכן א חשבון הנפש אין 5 מינוט צייט!!!



**אין 5 מינוט קענט איר האבן א קלאר בילד אין וואס פאר א מצב ומדרגה איר שטייט אין ווינקעל פון תורה און אידישקייט, צו דעם מוזט איר אבער פארזיכטיג נישט איילנדיג דורך קוקן דעם גאנצן צעטעל**



פארהאנען מענטשען וואס לעבן זיך אפ די יארען מיט דמיון (פאנטאזיע) אז זיי פירען א שטרענג אידישן לעבען'ס שטייגער מיט אלע פיטשיווקעס און זיי ווערן נעבעך ביטער אנטוישט ווען זיי ערשיינען פארן בית דין של מעלה און דארט געפינען זיי אויס דאס פארקערטע.

דער פאר האבן מיר ערפינדען האפענטליך דעם לייזונג צו דעם פראבלעם דורך אנצייכענען די ליניעס וויאזוי צו מעסטן ווי מען האלט, און זיך אליין אפשפילגען צו איז מען טאקע, דער חשובער איד, דער מדקדק, אדער כאטש א מיטל גאטונג איד, אדער אפילו דאס אויך נישט נאר א שוואבער איד אדער שוואך שב'שוואך.

זעלבסט פארשטענדליך אין די ראמען פון א בלעטל איז שווער דורכצוגיין אלע מדות שבתורה דעריבער וועלן מיר זיך קאנצענטרירען אויף דריי הויפט יסודות וואס לויטן הייליגען חתם סופר זצוקללה"ה פארלייגט זיך אויף דעם דער כצל דבר דאס מערסטע ווייל ווען ער האט דאס האט ער שוין דעם גאנצען איד ביי זיך אין קעשענע (שו"ת חת"ס או"ח סי' ר"ב).

און אויך צוליב דעם ווייל ביי די זאכען האט יעדער מענטש נסיונות און א שטענדיגען גערանגעל מיטן יצר הרע וואס כידוע ווערט אין הימעל געמאסטען דער מענטש לויט די מצות וועלפע קומען אן שווער (עי' גר"א על משלי, רבינו יונה אבות, ליקוטי אמרים תניא, חת"ס עה"ת, באר מים חיים סדרי בראשית, בני יששכר, מאור עינים, ישמח משה, קדושת לוי, ועוד).

יעדער פון די ווייטער דערמאנטע מצות האט זיך זיין אייגענארטיגע נסיון און יסודות'דיגע חשיבות וועלכע נעמט אריין אין זיין קאטאגאריע צענדליגע עהנליכע מצות עשה מיט ל"ת, אזוי ארום אז דורכן אויסגעפונען דעם אמת ווי איר האלט ביי זיי וועט איר גלייכצייטיג וויסען ווי איר האלט ביי רוב מצות פון די תורה.

דער גראד (בעראמעטער) ווערט צוטיילט און פיר טייל כדי צוגעבן א גענויע (פונקטליכע) מאס פאר יעדן פון קליין ביז גרויס.

## א.

## דער פרואוו־שטיין תפילין און מזוזות

1) **דער העכסטער תפלין מדקדק:** אינטרעסירט זיך נאך א סופר תלמיד חכם וירא שמים און פארלאנגט דאס בעסטע וואס איז, דא נישט קוקענדיג אויף געלט אדער טירחא און אויב האט ער ווען געהערט א ערעור (א באקלאג) אויף א געוויסע פארמעט אז עס איז נישט ווי עס דארף זיין, אדער אויף געוויסע בתים, אדער רצועות א.ד.ג. דעמאלטס שאקלעט ער זיך אפ דערפון און פארלאנגט אויסשליסלעך אנדערע, ווייל אז מען האט געלט זיך צו ערלויבן טייערע קליידער מיט עסען'ס מיט שטיב זאכען, אודאי אויף אידישקייט וואס דארף זיין דאס זעמל־מעהל פון הויז (* זעה באמערקונג נומער 1).

2) **סתם מדקדק:** קויפט פון א סופר ת"ח ויר"ש, אבער זיכט עס זאל זיין ביליג.

3) **פשוט'ער המון־עם איד:** גייט אין ספרים געשעפט ווי דער געשעפט'ס מאן האט בארד מיט פאות און בעט א כשר'ע אדער אפילו מהודר'דיגע תפילין און מזוזה.

(ליידער זענען די סארט קונים שוין דורכגעפאלען מיט פסולע תפילין און מזוזות אין די שווערע טויזענטער.

4) **דער שוואכסטער איד:** גייט אויף מאנהעטן אין די גרויסע געשעפטן (דעפארדלמענט סטארס) און קויפט אבי תפילין אדער מזוזות.

## ב.

# פלייש — בשר

1) **דער גרעסטער מדקדק:** עסט אינגאנצען נישט קיין "בהמה פלייש" ער מיט זיין גאנצען הויז־געזונד, און אפילו עופות (טשיקע"ן טערק"י) איז ער מקפיד אויסשליסליך צו נעמען נאר פון די קלענערע שהיטות ווי עס ווערן נישט געשאכטען אין די שווערע הונדערערט פער שעה דורך איין שוחט.

2) **סתם מדקדק:** עסט גארנישט קיין בהמה פלייש מיט זיין הויז געזונד, אבער עופות עסט ער אפילו פון די גרויסע שחיטות וועלכע קענען האבן ערנסטע חששות.

3) **פשוט'ער עמך איד:** עסט בהמה פלייש וועלכס איז געשאכטן אויסשליסלעך ביי א קליינע שחיטה, — און נאר די פאדערשטע טייל וואס דארף נישט קיין ניקור, — און פארלאנגט פון בוטשעד (פלייש-געשעפט) ער זאל דאס זאלצען באזונדער נישט צוזאם מיט די טיילען וועלכע האבן חֵלֶב — און נאר דאדט ווי דער רב המכשיר געט באזונדער אכטונג מען זאל אראפנעמען די צרודות דם (זעה באמערקונג נומער 2) און עס איז דא א שטרענגע השגחה פון ווען די בהמה ווערט געשאכטען ביז עס קומט אין סטאר צו זיין געזיכערט אז מען פארקויפט דאס וואס מען האט דארט געשאכטן (זעה באמערקונג נומער 3) און נאר ווי מען ניצט נישט די באקאנטע נבילה'דיגע קעלבער (זעה באמערקונג נומער 4).

4) **דער שוואכער איד:** עסט בהמה פלייש פון יעדן געשעפט ווייבאלד דער מוכר האט א בארד און דאווענט יעדן טאג. און עס האט א השגחה.

## ג.

# אין בית המדרש

1) **דער גרויסער מדקדק:** דאווענט פון אנהייב ביזן סוף (פון "אדון עולם" ביז נאך "עלינו לשבח") ווארט ביי ווארט אהן א ווארט ארויסצורערן (אפילו ביי קרבנות) און זאגט אמן מיט יהא שמי' רבא הויעך מיט א קול. דאס זעלבע ביים ליינען (קרה"ת) און אויב ער זעהט אנדערע שמוסען איז ער מוחה.

2) **דער סתם מדקדק:** אלעס אזוי־ווי נומער איינס, אבער איז נישט מוחה אנדערע וועלכע שמועסן אבער שמייכעלט אויך ניט צו צי זיי.

3) **פשוט'ער איד:** אלעס אזוי ווי נומער איינס נאר ער זאגט אמן שטיל נישט צום הערן.

4) **שוואכער איד:** שמיעסט ביים דאווען ביי קדיש. ביים ליינען, כאפט דאס דאווענען שנעל אפ, קרבנות ארער יא געזאגט אדער נישט אלעס איינגיג, אבער ווען מען איז אים מעורר צ.ב.ש. מען זאגט אים שמועס נישט ווייל דאס הייסט א כופר באלקי ישראל, (זוה"ק תרומה דף קל"א) אדער ווייל מען לייגט זיך אין חרם אין הימל 40 טעג (שו"ע הגר"ז סי' נ"ו), אדער ער ווערט געשטראפט מיטן ערגסטן גהינום און וועט פון דארט קיינמאל נישט ארויסגיין. (אור צדיקים דף י"ג). אדער ווען ער קומט אויף יענע וועלט רופט מען אויס: פארמאכט די טויערן פון גן־עדן ער זאל נישט קענען אריינגיין. וויי צו אים און צו זיין נשמה. (ספרא דרבי המנונא סבא). אדער מען איז מחויב עם אנשרייען אז ער איז א רוצח ממש ווייל דורכדעם ווערן זיינע קינדער תומים רחמנא לצלן. (הגן ודרך משה יום ט). אדער ער ברענגט גזירות און צרות אויף דער וועלט (דרך משה יום ח). אדער מורד ופושע באלקי ישראל (ישמח משה). אדער דאס איז דער גרעסטער קטרוג אויפן כלל ישראל און מעכב די גאולה רח"ל (זוהר הקדוש תרומה). אדער ער איז א שוטה ופושע און מען טאר אים נישט מצרף זיין צו מנין (טורי זהב סימן נה). אדער ער איז עובר אויף דעם איסור דאורייתא ומקדשי תיראו (חתם סופר). א.ד.ג. הערט ער אויף צו רעדען.

5) **דער פורק עול'ניק:** אלעס ווי נומער 4 און שייגעצט נאך אויס דעם וואס איז אים מעורר נישט צו רעדן ביים דאווענען. (ליידער האט מען לעצטענס געהערט פעלער פון מענטשן וואס זענען שווערלאך באשטראפט געווארן פון הימעל זיי און זייערע קינדער צוליבן אנשרייען די מוכיחים ה' ירחם.

❖

# ווי אזוי צו רעכענען אייער מאס

**ביי תפילין־ומזוזות** שפיגלט זיך אפ אייער נאנטקייט צום באשעפער אין תורה ווען עס קאסט אייך געלט, אויב איר זענט פון נומבער 3) זענט איר פון די וואס ווערן אנגערופן **איד** ביז צו די **קעשענע** אויב איר זענט פון נומבער 2) זענט איר גדייט אויך מיט די קעשענע אבער נישט אנגעשטרענגט. אויב איר זענט פון נומבער 1 זענט איר פון די "ובכל מאדך" אידען וועלכע קוקן נישט אויף געלט ווען עס האנדעלט זיך אין א מצוה.

**ביי פלייש** שפיגלט זיך אפ אייערע כחות הנפש ווען עס האנדעלט זיך אין צוברעכן די תאוה של איסור. אויב א עסענווארג וועלכע מען קען עקזיסטירען אהן דעם, נאכמער מען קען עקזיסטירען **נאר אהנדעם** ווי אלע דאקטוירים און פראפעסארן שרייען היינט צו טאג אז **בהמה פלייש** ברענגט די מערסטע פארשפרייטע קרענק רחמנא ליצלן **קענסער — הארץ אטאק — בלוט דרוק** (BLOOD PRESSURE)און עס קאסט אייך שווערע געלטער און איר זענט אויסגעשטעלט דורכצופאלען מיט די ערגעסטע מכשולים רח"ל (זעה באמערקונג 2, 3, 4.) קען נאך אלץ נישט ברעכען ביי אייך די תאוה, דאן זענט איר די גרעסטע רחמנות, ווייל א מענטש וועלכע קען זיך נישט באהערשן קען היינט צו טאג רח"ל פארפאלען ווערן.

איר זענט רח"ל אין סכנה פון תאוות אכילת איסור ח"ל, און גלייכצייטיג אין סכנה פון אסימילאציע (אויסמישען מיט גוים רח"ל) (זע באמערקונג נומער 5).

**ביי דאווענען:** דארט שפיגלט זיך אפ אביסעל די מלחמת היצר פון "שמירת הלשון" אויב די קורצע צייט פון דאווענען איז שוין צופיהל זיך צו קענען צוריקהאלטען פון שמיעסן, אודאי אז אנדערע דיבורים אסורים אזוי ווי לשון הרע רכילות ניוול פה ליצנות ווערן דורך דעם זעלבן מויל דורכגעפאלאסען ווי דער שטראם פון די שארפסטע טייכען און ימים, און דאס איז טאטאלער דורכפאל פאר דעם איד, ווייל דער חובת הלבבות שרייבט: דער וואס רעדט ארער הערט **לשון הרע** פארלירט אלע זיינע מצות ומעשים טובים דאס גייט איבער במתנה פאר דעם אויף וועם ער האט גערערט אזוי ארום בלייבט ער נאכן שטארבען ריין פון מצות ווי א תינוק בן יומו, אלע זיינע צדקות נוטש חסר און

אנדערע גוטע מעשים פארלירט ער. רח״ל, ניוול פה רח״ל ברענגט צו די ערגסטע עבירות רח״ל ווי עס שטייט אין מדרש.

## באַמערקונגען

1) **(תפילין)** עס איז נישט אזוי באוואוסט פארן המון וואס עס האט זיך אגעשפילט פונקט איין יאר צוריק (אדר תשד״ם) וועגן די פארמעט וואס אלע חרדישע אידען פון חו״ל און א״י ניצען וועלכעס איז געפינען געווארן ביי גוי׳שע פאבריקען אהנע השגחה אדער סימנים די זאך איז ליידער פארשוויגען געווארן צוליב געוויסע סיבות וד״ל.

2) **פלייש** ביי די גרויסע שחיטות איז ווי באקאנט דא הונדערטער מכשולים ווי עס איז שוין געווען אפגעדריקט אין **מדריך לכשרות בהנהלת הגה״צ אבדק״ק דעברעצין שליט״א בעהמ״ח שו״ת באר משה** אז אלעס איז בספק נבילות וטריפות, די טיילען וועלכע דארפען ניקור איז באקאנט פאר יעדן דעם טרוריגע ידיעה וועלכע האט אויפגעטרייסלט די וועלט עטליכע יאר צוריק אז דאס גאנצע חלב איז געפינען געווארן אומגערירט ביי די שענסטע געשעפטן און חלב איז בכרת כידוע, וועגן צרורות דם (צוזאמגעלאפענע בלוט) איז לעצטענס באוויסט געווארן לויטן נייעם סיסטעם פון שחיטות איז דא ביי די בהמות בריות צרורות דם און דאס מיז לויטן שלחן ערוך אראפגענומען ווערן פאר די מליחה, אינגאנצען איינס אדער צוויי געשעפטן אין בארא פארק לייגען אכט אויף דעם.

3) **פלייש** אין אויבענדערמאנטען מדריך לכשרות (שע״י הגאב״ד מדעברעצין שליט״א) ווערט באשריבען אויספירליך אז לויטען היינטיגען סיסטעם פון דעליווערן פליישען קען דער הויל־סעילער רוהיג פארקויפען גאר אנדערע פליישען פון די וואס מען האט געבטן געשאכטען עס איז קיין שום השגחה נישט דא נישט ביים שעכטען און אוודאי נישט פון נאכען פאקען דאס פלייש אין פריזער ביזן סטאר און אויך נישט פון ווען דער סטאר באקומט עס ביז ער פארקויפט דאס פאר די קונים, דער קצב קען אריינרוקען ביינאכט אין געשעפט וואס עס לאזט זיך.

4) **פלייש** הגאון ר׳ משה פיינשטיין שליט״א האט גע׳פסק׳ט אז די ווייס און שווארצע (BLACK WHITE) קעלבער זענען נבילות מען טאר עס נישט נוצען אבער כמעט אלע ניצען עס.

5) דער הייליגער צאנזער רב (בעל דברי חיים) **זצוקללה״ה** שרייבט אין זיין ספר (שו״ת ד״ח יור״ד סי׳ ז׳) **אז די מדינות וועלכע האבן זיך גע׳שמר׳ט רח״ל אזוי ווי רייטשלאנד בעהמע״ן מעהרי״ן שלעזי״א ועוד איז דאס צוליב די שוחטים קלים וואס האבען מאכיל געווען נבילות וטריפות רח״ל פארן כלל ישראל פון דעם איז געשאפען געווארן די משכילים ואפיקורסים רח״ל, אזוי שרייבען אויך אנדערע ספרים ובראשם דער רמב״ם אז נבילות וטריפות איז דער בעסטער שטארקסטער בריק פון אידישקייט צו שמד און כפירה ר״ל** (זוה״ק וישב קצ״א, ח״ב קכ״ה. ח״ג מ״ב. רמב״ם במורה ח״ג פמ״ח, דגל מחנה אפרים פ׳ עקב, בשם הבעש״ט הק׳ בשם הרמב״ם, צפנת פענח יתרו, יערות דבש ח״א דרוש א. שו״ת דברי חיים חיו״ד סי׳ ז׳), **דערפאר אויב צוליב א תאוה פון עסען לאזט מען זיך אריין אין אזאלכע ערנסטע מכשולים וואס וועט זיין ווייטער?.**

דער פאקט איז באקאנט פאר אלע אז אמעריקע האט פארמאגט 75 יאר צוריק שענערע אידען ווי היינט אפשר ווייסט איר ווי זענען זייערע אייניקלעך??? דער תירוץ איז זע אין ספר שמירה טובה וויאזוי דער מחבר רעדט זיך אפ אויף די שחיטה אז עס איז נבילה וטריפה (אגב: אזוי ווי דער מחבר מאהלט אויס דארט זעהט אויך אויס די שחיטה היינט צו טאג די זעלבע) און דאס איז דער תירוץ אויף אלעם.

געדענקט! איר האט נאכנישט פארשפעטיגט! מה דהוה הוה. אבער בתנאי אז מען טוט תשובה, והיכי דמי תשובה? באותו מקום ובאותו זמן! תשובה מוז זיין אופן ארט ווייל שפעטער וועט אייך דער בעל דבר פארנעמען דעם קאפ מיט עולם הזה׳דיגע נארישקייטען און איר וועט ווייטער זינקען אין די אלטע בלאטע, און איידער איר קוקט זיך איס זענט איר שוין מיט איין פוס אויבען. פארפאסט נישט די געלעגענהייט פאר אייער אייגענע טובה און אינטערעסע

**פאר אייער עולם הבא און עולם הזה**

**בכבוד רב**


**הק׳ שלום יודא גראס**

**אבדק״ק האלמין**

**ועד העולמי לשמירת התורה וקיום המצות**

סניף ארצות הברית ברוקלין נ.י.

c/o Rabbi S. Y. Grooss 4711-12 Av. Brooklyn
N.Y. 11219 Tel. 718-436-8086



אלגעמיינער זשורנאל —

פרייטאג 20, דעצעמבער 1985